# עונג שבת

**גוט שבת אלע אידן.** לעבן דעם "חרבה שול" אין דעם אלט שטאט ירושלים איז געווען דעם פלייש געשעפט פון דעם חסיד "ר' בעריש דער שוחט." ר' בעריש איז געווען א צדיק פון א איד, און אן עכטער חסיד. בשעת ער האט צוגרייט דעם פלייש, האט ער געלערנט משניות בעל פה. נאכדעם וואס ער האט געזאלצן און מנקר געווען, און געשניטן דעם פלייש, האט ער אלעס געוואויגן און געלייגט אויף יעדע שטיק א פרייז. דאן האט ער געעפנט א גמרא און ער האט אנגעהויבן צו לערנען אינעווייניג.

ווען א מענטש איז אריינגעקומען אין געשעפט, האט ר' בעריש כמעט נישט גערעדט ווייל ער האט נישט געוואלט מפסיק זיין מיטן לערנען. וויבאלד אז יעדער שטיק פלייש האט געהאט אויף זיך א פרייז, האט ער נישט געדארפט צופיל רעדן, ווייל מענטשן האבן פשוט אראפגעלייגט דעם געלט, און גענומען דעם פלייש און געגאנגען.

ר' בעריש איז געווען זייער מקפיד אויף ערליכקייט אין ביזנעס און אויף שמירת העינים. אפילו עס זענען אריינגעקומען צו אים אלע סארט מענטשן, האט ער קיינמאל נישט אויפגעהויבן די אויגן צו זען ווער איז אריינגעקומען.

איין טאג איז עס געשען אז ווען ר' בעריש האט געזאלצן דעם פלייש איז נתעורר געווארן א שאלה אויף די כשרות פון דער בהמה. וועגן דעם האט ער געלייגט דעם פלייש אויפן זייט, טראכטענדיג אז ער וועט עס וויזן צו א רב שפעטער אינעם טאג.

א שטיק צייט נאכדעם, איז אריינגעקומען א פרוי אין דעם געשעפט צו קויפן פלייש. ווען זי איז ארויסגעגאנגען, האט ר' בעריש באמערקט אז זי האט בטעות גענומען דעם שטיקל פלייש וואס עס איז געווען א שאלה דערויף. אבער ר' בעריש האט נישט געקוקט אויף איר און דערפאר האט ער נישט געוואוסט ווער זי איז!

די רגע האט ער פארמאכט זיין געשעפט און ער איז געלאפן צום כותל. דארט האט ער אנגעהויבן צו זאגן תהלים און ער האט געבעטן אז דער אייבערשטער זאל אפהיטן אז ער זאל נישט מכשיל זיין יענעם מיט עסן נישט כשר'ע פלייש.

באלד דערנאך, ווען ער איז צוריקגעגאנגען צום געשעפט, איז יענע פרוי פלוצלינג צוריקגעקומען צו קויפן נאך פלייש. די פרוי האט געזאגט צו ר' בעריש אז כאטש אז זי האט שוין איין מאל געקויפט פלייש פריער אין דעם זעלבען טאג, איז זי צוריקגעקומען ווייל אן אינטערעסאנטע זאך איז געשען מיט דעם פלייש וואס זי האט פריער געקויפט. א קאץ איז אריינגעקומען דורכן פענסטער און עס איז געשפרינגען אויפן אירע טיש און עס האט אוועקגעשלעפט דעם פלייש!

אמאל איז דער אמרי אמת הרה"צ ר' אברהם מרדכי זצ"ל געגאנגען אין דעם אלט שטאט אויפן וועג צום כותל ווען ער האט געזען ר' בעריש'ס געשעפט. דער אמרי אמת איז געשטאנען לעבן דעם טיר און ער האט געקוקט אפאר מינוט צו זען ווי ר' בעריש האט געלערנט בשעת מענטשן האבן געקויפט פון אים. ווער ער איז אוועקגעגאנגען פונעם געשעפט און געגאנגען ווייטער, האט דער אמרי אמת געזאגט אז עס איז כדאי

# פרשת משפטים תשס"ז

געווען זיין גאנצע רייזע נאר צו קענען זען אזא איד!

ר' בעריש האט שטארק מצמצם געווען אין ענייני גשמיות. ער האט געדאווענט פון דעם זעלבען סידור פאר פופציג יאר. אסאך מאל האט ער געגעסן נאר ברויט מיט צוויבל. און ער האט געטראגן די זעלבע סליפערס פאר דרייסיג יאר. אויב ער האט געהאט געלט האט ער עס געבארגט פאר א צווייטן און אסאך מאל האט ער מוחל געווען דעם חוב ווייל ער האט געוואוסט אז דער לווה האט נישט קיין געלט.

איין מאל איז געקומען צו ר' בעריש אין חלום א איד וואס האט געבארגט געלט פון אים. דער מענטש האט דערציילט אז ער איז אין עולם האמת און עס איז דא איין זאך וואס האלט אים צוריק פון אריינגיין אין גן עדן, א חוב וואס ער האט קיינמאל נישט צוריקבאצאלט צו ר' בעריש. ווען ר' בעריש האט זיך אויפגעוועקט, האט ער גלייך צעריסן דעם שטר חוב פון יענעם איד און ער האט אים מוחל געווען בלב שלם. דעם נעקסטען טאג איז געהערט געווארן די נייעס אז יענער מענטש איז טאקע נפטר געווארן אין מיטן דער נאכט.

אלץ יונגערמאן, האט ר' בעריש געקויפט א חלקה אויף הר הזיתים. יעדען ערב ראש חודש, א טאג וואס איז מסוגל צו תשובה און חשבן הנפש, איז ער געגאנגען צו זיין חלקה וואו ער האט אויסגעזאגט גאנץ תהלים. ווען די אראבער ימ"ש האבן גענומען הר הזיתים אין תש"ח, האט ר' בעריש געקויפט דעמאלט א חלקה אויף הר המנוחות. און דארט איז ער טאקע באגראבן געווארן נאך זיין הסתלקות אין י"ט שבט תשי"ד.

עס זענען דא אסאך ענינים וואס מיר קענען ארויסלערנען פון דעם מעשה. וויבאלד אבער אז די שבת ווערט אנגערופן "פרשת שקלים" און די תורה רעדט די וואך וועגן ענייני מסחר און דיני ממונות, לאמיר לייגן דעם דגש די וואך אויפן ענין פון ערליכקייט אין ביזנעס, אזוי ווי מיר האבן געזען ווי ר' בעריש איז אזוי מפקיד געווען אין זיין געשעפט.

זאגט רבי אילעאי "בשלשה דברים אדם ניכר: בכוסו, ובכיסו, ובכעסו." (עירובין סה:) א מענטש ווערט דערקענט דורך דריי זאכן, וויאזוי ווערט ער ווען ער ווערט שיכור, ווי אזוי ניצט ער זיין געלט, און וויאזוי ווערט ער ווען ער ווערט בכעס, ל"ע. ד"ה, מען קען דערקענען די אמתע מידות פון א איד דורך זען וויאזוי פירט ער זיך אויף מיט געלט זאכן. זאגט דער קב הישר א שארפע לשון אויף דעם ענין "...שהאדם רואה את חברו נושק התפלין ומתפלל, ואינו עוסק במשא ומתן באמונה צריך להרחיק ממנו בכל מיני הרחקות, כי עיקר היראה והצדקות הוא בממון. וכל אדם שהוא עומד בצדקותו על ממון – זה הוא צדיק גמור." – אפילו איינער קוקט אויס פרום, טאמער ער איז נישט ערליך מיט געלט, דארף מען זיך דערווייטערן פון אים. נישט נאר דאס אבער, דער עיקר סימן פון א צדיק איז איינער וואס האנדלט ערליך מיט געלט זאכן. און מכלל הן אתה שומע לאו.

איז לאמיר אלע נתעורר ווערן צו פירן זיך ווי עס דארף צו זיין מיט געלט זאכן, אזוי ווי ר' בעריש האט געטון אין דעם מעשה. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו זיין עכטע חסידים און עכטע צדיקים! **גוט שבת אלע אידן!**

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**